ב א פ א ד ע ן - טרוו. (גערטנעריי) "ארומשניידן די אומנייטיקע אדער פארדארטע צווייגלעך פון א בוים, קוסט". " באפאדעו די קוסטן"|קטור, דוד פראם|.

רעד: אפשר באפאדעו? אין שפאניש דא Podar מיטן זעלבן באטייט. דערביישפיל איז פון קארטל.

ב א פ א ד ק ע ו ע ט - פאדי/פאדוו, פפ: באפידקאוועט. מיט צוגעקלאפטע פאדקאוועס (פידקאוועס).
% באפאדקאוועטע פערד. ער טראגט באפאדקעוועטע שטיוול.

1956 " די אלטע גייט ארויס מיט פעסטע קלאפנדיקע טריט; די שטיוועלעך באפידקאוועט מיט אייזן". זש' פאריזער צייטשריפט נ' 12, פאריז, ז' 118.

ב א פ א ה ט |באפייעס| - פאד/פאדוו, פפ: באפאוהט. [באפייעסט]
וואס איז מיט פאות, מיט לאנגע פאות. % באפאהטע ישיבה-בחורים; באפאהטע ייגעלעך פון מאה-שערים. ס'קומען עטלעכע באפאהטע תימנער מיט אן אויסטערלישן געפילדער.

1951 " געקוקט מיט גיפטיקן ביטול אויף דער באפאוהטער 'פינצטערקייט'". ייט, פוילן VI , ז' 81.

1954 " נישטא מער די באפאהטע חדר-ייִנגלעך, וואס פלעגן שפרינגען אין א קרייז |...|". פ. זיגלבוים, יזב כעלם, יאהאנעסבורג, ז' 480.

1966 " אז די תורה איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני, וועט שווערן יעדער באפאוהטער ייד". ש. סיימאן, צווייגן, ב"א, ז' 48.

ב אַ פּ אַ נ צ ע ר ט - פּאַדי/פּאַדוו פון באַפּאַנצערן.

1. אנגעטאן אין א פאנצער; פארזיכערט מיט א פאנצער. % באפאנצערטע ריטערס פון מיטלאלטער; סאלדאטן האבן געשאסן פון א באפאנצערטן אויטאמאביל.

2. (פיג) פארזיכערט, באווארנט קעגן סכנה.

1949 " געשטאלטן |...| אנגעשטאלטע, באפאנצערטע". א. טאבאטשניק, דיכטער און דיכטונג, נ"י.

1962 " |...| א פינצטערער שטייט ער |דער בארג| אין שטומער פארמעסטונג, באפאנצערט מיט טורעמס". חג, מענטש פון פייער, נ"י, ז' 71.

ב אַ פּ אַ נ צ ע ר ן - טרוו. 1. אנטאן עמעצן א פאנצער אדער עפעס באדעקן מיט א פאנצער. באדעקן מיט שטאל אדער אנדערע זאכן וואס דינען ווי א פאנצער, ווי גוטע פארזיכערונג. % באפאנצערן די רייטערס צום טורניר. מע דארף באפאנצערן די וואגאנען פון גאנצן צוג, ווען ער זיך דורכרייסן דורכן שונאס ליניע.

2. (פיג) פארזיכערן, באווארענען קעגן סכנה, מאכן אומבורכדרינגלעך, אומשפירעוודיק. % דורך יידישער דערציונג באפאנצערן דאס פאלק קעגן אסימילאציע.

1967 " מיר דארפן זיך פארפאנצערן און באפאנצערן אונדזערע קינדער און קינדז-קינדער". ד"ר י. קלארמאן, טמז, X, 22.

1972 " |...| ער האט געוווסט, אז דווקא זי |די טאכטער| דארף מען אויפוועקן - פאר איר אייגענעם גוטס באפאנצערן זי". - ~~רעפּל.~~ ח. [illegible], [illegible]

לעבן I. ת"א, ז' 500.

|| =רנג

1948 " אונדזער געשיכטע האט אונדז באוואָרנט מיט באזונדערע באפאנצערונגען קעגן גזירות". ים, זב אונדזער שול, מעקסיקע.

באַפּאַקט - אדי/אדוו. פּאדי/פאדי פון באפאקן. אנגעלאדן מיט פעק, פול מיט פעק. % א באפאקטער וואגן. דער אויטאמאביל, א באפאקטער מיט שווערע קעסטלעך, האט זיך ניט געקאנט רירן פון ארט.

181... " מיט סחורה זיינער שטארק באפאקט גייט זיך א מאל אויף דעם גרויסן טראקט// א וואגן מיט פיר פערד איינגעשפאנט". ש. עטינגער, משלים, ציט אויסג' ווילנע 1925, ז' 194.

1903 " ער האט א מאל געמאכט א נסיעה און האט מיטגעפירט דריי אייזלען באפאקט(ע) מיט שפייז און וויין. מעשה הגדולים, פיעטרקוב.

באַפּאַקן - טרוו. פּפּ: באפאקעוועט. אנלאדן מיט (א סך) פעק: באפאקן דעם וואגן מיט באלן שטאף; דעם לאסטאויטא האט מען באפאקעוועט מיט צו פיל זעק, זיינען עטלעכע אויפן וועג אראפגעפאלן.

באַפּאַרסקען - טרוו: באשפריצן מיטן מויל, אננעמען אין מויל וואסער און באשפריצן עפעס. % דער שניידער האט באפאַרסקעט דאס געוואנט פארן פרעסן. דאס פערד האט פלוצעם באפארסקעט דעם שמייסער.

ב א פ א ר ע ן  ז י ך  -  אוטוו, פפ: אופארען זיך.
אפטאן די ארבעט וואס מע דארף. % די יונגע
בעל-הביתטע באפארעט זיך איינס און צוויי מיטן
ווארמעס. צוויי מענטשן אליין קאנען זיך ניט באפארען
מיט אזוי פיל ארבעט.

1947 " א מענטש קומט אין לעבן אויף אפצוטאן גוטס -
איז איינער צעציט עס און שטארבט אלס א גרייז,
א צווייטער - ביים אנהייב שוין פילט אויס זיין
חוב, באפארעט זיך גיך און ווערט אייביק געפרייזט".
ל. קוויטקא, געזאנג פון מיין געמיט, ז' 28.

ב א פ ו ד ע ר ן  -  טרוו. באשיטן, באדעקן מיט פודער,
אנפודערן. די דאמע האט ליב צו באפודערן די באקן.
די מאמע באפודערט דאס קינד האכן באדן.

1971 " ער האט אייך געהייסן צו באפודערן די פיס
צוויי מאל א טאג, אבער דאס העלפט ניט".
ד"ר י. גלען, פאר, 17/28.

ב א פ ו כ י ק ט  -  פאדי/פאדוו פון באפוכיקן
פפ: באפוכט, באדעקט (ווי) מיט פוך. % געוויסע
פלאנצן האבן באפוכיקטע (באפוכטע) שטענגלעך און בלעטער.
די הינדעלעך זיינען ווייס און געל באפוכט
(באפוכיקט) |אדוו|.

ב א פ ו כ י ק ן  -  טרוו. באדעקן, באשיטן (ווי) מיט
פוך. פפ: באפוכן |מארק ווב 727|. % א לייכטער
שניי האט באפוכיקט דיביימער.

באָפּוץ - דער, =ן. עפּעס מיט וואָס מע באַצירט, מע מאַכט שענער אַ זאַך. % אַ הוט מיט אַ באַפּוץ פֿון פֿעדערן. אַ שיינער באַפּוץ פֿאַרן העמד. די געמוסטערטע מאָזאַיִק שאַפֿט אַ באַפּוץ פֿאַרן סאַלאָן.

1900 " מען וואַשט אין בענזין די פֿיינסטע זיידענע קליידער מיט דעם גאַנצן באַפּוץ". ש. שאַפּירא, קליידער-פֿאַרבעריי, וואַרשע, ז' 6.

| ? | " |...| איך קוש אַ גרעזעלע פֿון דיר// דיין גליקלעך גרין(ער) באַפּוץ". יודיקאַ. [שמדן ! ]

באַפּוצונג - די, =ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט פֿון באַפּוצן. % די באַפּוצונג פֿון דעם זאַל האָט געדויערט עטלעכע שעה. די באַפּוצונג פֿון קלייד האָט געקאָסט טייער. האָר-באַפּוצונג איז געוואָרן אַ גוט פֿאַך.

|?| 1952 " כדי די באַפּוצונג זאָל זיין נאָך גרעסער, |...| האָט מען |ביים אריינפֿאָרן אין שטעטל| געטרומייטערט, און די קוטשערס האָבן געקנאַקט מיט די לאַנגע בייטשן". יק, II, וואַרשע, 6,3, אויסג....

(מיינע צכרונות)

2. דזוו באפוץ (~~ווו~~)

1906 " האבן איינגעריכטעדט און צוגעסטראיעט ביי זיי די סאלאנען מיט אלע באפוצונגען, מיט די מעבל די געשניצטע, געגילדעטע קארניזן". צ. נ. גאלאמב, די בורזשואזיע, ווארשע.

1971 " מע קען אויסנוצן א זילבערנע טאץ פאר אזא באפוצונג". נ. בלום, פאר, 28/V.

3. (פיג) ניט-עיקרדיקע צוגאבן צו עפעס.

1968 " און דאך איז ס'ביסל לעבן און די באפוצונגען ארום דעם שטארקער פון די אלע טויט-מחשבות". ב. טייטלבוים, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 670.

1970 " דער געדאנק פון אן עספעראנטא איז, אייגנטלעך, א צוריקגאנג צו אור-לשון, אויסגעטאן פון אלע באפוצונגען, שמד-שטיק און קונצעלעך". יג, טמז, 15/II.

באפוצט - פאדי/פאדוו פון באפוצן. באצירט, פארשענערט, דעקארירט. % באפוצטע מעבל. די געסט האבן באוווּנדערט דעם באפוצטן סאלאן. דער וואגן איז אריינגעפארן באפוצט ~~אדגר~~ מיט בלומען.

1923 " מיר געפינען דערפאר אפט די כתובה אריינגעזעצט אין א באפוצט רעמל, ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט אלערליי באצירונגען". איבז. ר. זעליגמאן. ד"ר מ. גאסטער, די כתובה, בערלין, ז' 50.

1951 " דער עצם זיצונגזאל איז נישט געווען קיין גרויסער און נישט קיין באפוצטער". ל. שמעוני, זב ליטע I, נ"י, ז' 252.

באפוצט און באפודערט – גוזמאדיק רייך אנגעטאן, אויסגעצירט.

באפוצן – טרוו. 1. פארשענערן, באצירן, מאכן שענער דורך צוגעבן עפעס א דעקאראטיוון עלעמענט.

% באפוצן דאס קלייד מיט שיינע קנעפ. מע דארף באפוצן דעם צימער מיט בלומען. דער אלטער כתב-יד פון דער מגילה איז באפוצט מיט קאלירפולע אנהייב-אותיות און וויניעטקעס. דער מגיד באפוצט זיינע רייד מיט שיינע משלים.

1911 " קיינער האט דעם בוים ניט געפלאנצט, |...| זיינע צווייגן ניט ארומגעשוירן און באפוצט". י. קאמאי, זש' דאס נייע לעבן, אפריל, נ"י, ז'19.

1929 " ווען ער האט געוואלט זיין וואכעדיקע שפראך באפוצן מיט פליטערלעך |...|". בעם, III, ווארשע, ז' 48.

1945 " איך האב ניט געקענט מיט מיין לעבן די ערטער באפוצן, באשיינען". סעג, א בוים פון פוילן, ב"א, ז' 78.

2. (גלש) באגנבנען.

|| =ענץ, =ער (=ין, =קע). =ערייַ.

1928 " אז א הויז |...| האט שיינע פענצטער, מיט טיפע ווייסע שוועלן, מעבל אפגעפאליטורטע מיט באפוצערייען, צו וואס דארף מען דאס פארהאנגען און פארדעקן?". א. ראבאי, אייגענע ערד, ז' 118.

באָפּורפּורן - טרוו. (שנש) פּפּ: באפּורפּלען.

באַפאַרבן אין פורפור-קאליר.

[1959 " א רויטקייט האט באפּורפּורט אונדז |...|".

בראד, גש, ב"א, ז' 74.

באַפּטיזם - באַ. א שיטה אין דער קריסטלעכער

אמונה, אָפּצווייג פון פּראָטעסטאַנטיזם.

באַפּטיסט - דער, =ן. ווע באַפּטיסטקע.

אנגעהייקע(ר) צום באַפּטיזם. % פאַנאַטישער באַפּטיסט.

אין געוויסע לענדער ווערן די באַפּטיסטן גערודפט.

1961 " דאָס ווינקעלע אַרום באַפּטיסט ווערט פול מיט

אכילה, מיט תפילה און מיט אויגנגלאַצעניש".

י. עמיאָט, פּאַרווערטס, 61-VII. 9.

|| יש. אדי. וואָס איז שייך צו באַפּטיזם אָדער באַפּטיסטן.

% באַפּטיסטיש געבעטהויז. באַפּטיסטישע געמיינדע.

1965 " די מענטשן |...| האָבן געמיינט. אַז עס קען

טאַקע זיין אַן אומנאַציאָנאַלע וועלטלעכע אַמעריקאַנער

געזעלשאַפט, ווי די פּרעסביטערישע צי די באַפּטיסטישע.

בצג, אָרג טמז, 12/II.

באַפּטיסטעריע - פּפּ: באַפּטיסטעריום. ?נ?

1. קליינע קירכע (קאַפּעלע, קאַפּליצע), וואָס איז

געווען באַשטימט פאַר דער טויף-צערעמאָניע ביי קריסטן.

2. גרויסע כלי, אין פאָרעם פון א בעכער, באַשטימט

פאַר דער טויף-צערעמאָניע.

(שן!) ?נ?

באפייקלען - טרוו. פייקלען א סך, לאנג.

" באפייקלט אים, באזינגט אים, פייקלערס . |?|

מ. ב|?|, פאסטעך דוד.

באפינדזלען - טרוו. באמאלן (שנש?) מיט א פינדזל (=פענדזל);

1964 " שוין זע איך אייך אויסגלייכן בערג מיט די טאלן, די וויסטקייט מיט וואלד און מיט גערטנער באפינדזלען, באמאלן". י. מאניק, איך טריט פון דייך וואנדער, ת"א, ז' 53.

באפינטלט - פאדי/פאדוו. 1. באדעקט (ווי) מיט פונקטן, פינטעלעך. % באפינטלטער מוסטער. ער פירט דורך א באפינטלטע ליניע אין דעם גראפיק.

1935 " באסאראבער ערד, דיינע לאנקעס, ווי ס'שטערן-טיכל באפינטלט מיט בלומען". י. טראכטענבערג, אויף באסאראבער ערד, סיגעט, ז' 16.

1956 " און גלייך האט מיט א בליישטיפט ער געטאן א טייט אויף דער באפינטלטער און אויסגעקנייטשטער מאפע". פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 376.

[7 באפינטלט מיט חן (לאקל, מערב-גאל) "אויף א מיידל מיט חן-פינטעלעך אויפן פנים" |קטוו|.

באפינטלען - טרוו. 1. באשפרענקלען |ל 2|.

2. (פיג) באפלעקן, באשמוצן.

1929 " דוד ה|ינהארן |...| אים איז דאס געגעבן געווארן די פעץ אין האנט צו באפינטלען און

זי טונקען קרודהא (אין א שפריצאק) [3 ...] [illegible]

באשמוצן רייזענען אויף זיין צוריקוועג קיין אמעריקע". כ. דוניעץ, צווײ אוטאפארטרעטן. ש׳ שטערן, מינסק, ז׳ 94.

····································································

רעד: כ׳מיין אז ס׳איז א טעות, ס׳דארף זיין ׳באטינטלען׳ ווייל אין דעם קאנטעקסט האט ׳באפינטלען׳ קיין שום זינען ניט.

····································································

3. שטעלן נקודות [בזינען וואב].

?נ?

באַפּישט - פאדי/פאדרו (וואלג) נאס פון דער געלאזטער השתנה. % מע דארף וואשן די באפישטע ווינדעלעך. דאס קינד ליגט שוין ווידער באפישט.

באַפּישן - טרוו. (וואלג) באגיסן, באנעצן עפעס מיט השתנה. % באפישן די ליילעכער; דער הונט באפישט דעם בוים.

1884 " צײַנוויַיטיק, קדחות, ווערעם, באפישן טעקסט: באפיסן. הוסטן, שלוקעכצן, זאיקען און ניסן". ש. מ. אסטראווסקי, דער מאסקעראדן באל".ווארשע, ז׳ 42.

1957 " אנלײכען - אזוי ווי אנגיסן, נאס מאכן, באפישן". ח. שטסקין, יישפ XVII 1/.

באפישן זיך (וואלג/שפאטיש) לאזן די אשתנה, זיך באנעצן. % א חרפה - א בחור פון קיין עין-הרע א יאר זאל זיך נאך באפישן!׳. ער באפישט זיך ווייל זיין אורין-פענכער איז פארקילט.

17 א נס האט זיך באפישט - זעט נאר דעם וואונדער!

<u>אז א כלה באפישט זיך איז עס א גרויסער חסרון;</u>

<u>אז א כלה באפישט זיך ניט - קומט איר ניט קיין דאנק</u>".

|ווערטל, קאונע, ליטע|.

באַפּלונטשען - <u>טרוו</u>. באשפריצן, באשפרענקלען |או.וו|.

באַפליאַסקעווען - <u>טרוו</u>. |<u>מארק ווב</u>|. דערציילן א סך (אלע) פליאסקעס וועגן עמעצן, בארעדן א סך. % די ווייבער האבן שוין <u>באפליאסקעוועט</u> אלע שכנים, אויסערציילט וואס אין די טעפלעך קאכט זיך.

באַפּליוכען - <u>טרוו</u>. 1. אפגיסן, אפשריצן מיט א שטארקן שטראם, מיט א סך וואסער. % ארויסגיסנדיק דעם עמער וואסער פון באלקאן, האט די דינסט <u>באפליוכעט</u> אלע פארבייגייער.

2. (<u>פיג</u>) באדעקן מיט זידלערייען, מיט ווערטער פון כעס.

1943 " ער האט געזאטן, // און נח איז געשטאנען אונטער צארן זודיקן, // ווי אין א באד, // און זיך געלאזט <u>באפליוכען</u>". <u>מבא. דער גייער</u>, נ"י, ז' 217.

באַפלייטלט - <u>אדי</u>. 1. ארומגעצאמט, ארומגענומען מיט פלויטן, פארקאנעס. % <u>באפלייטלטע</u> גערטנער.

1941 " קיל בלעטערן זיך ביימער// איבער באַפּלייטלטע שטיבלעך". שלום שטערן, עס ליכטיקט, ז׳ 58.

2. (פיג) פאַרמאַכט, איינגעשלאָסן.

1963-1945 " געהיימשטאָט מיט הונגער באַפּלייטלט". סוצ, פּור I, ת"א, 1963 ז׳ 463.

באַפּליעסקען I |מארק ווב 638| - טרוו. באַשפּריצן פאַטשנדיק מיט די הענט אין וואַסער.

% די קינדער באָדן זיך אין טייכל און באַפּליעסקען איינס דאָס אַנדערע.

באַפּליעסקען II - אַ סך פּליעסקען (צופּאַטשן) מיט די הענט. % דאָס ליד איז אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז מע האָט דעם זינגער באַפּליעסקעט במשך צען מינוט.

באַפּעכן - באַדעקן, אויסשמירן מיט פּעך (סמאָלע).

% מע דאַרף באַפּעכן די דעכער, ס׳זאָל ניט אַריינרינען.

די אַרבעטער פון דער סמאָליאַרניע גייען אַרום מיט באַפּעכטע פאַרטעכער.

1921 (20?) " |...| פּעס באַפּעכטע לעדערפּאַסן". מק, שירים, ווילנע, ז׳ 61.

באַפּעלצן (זיך) - 1. אָטאָן (זיך) אַ פּעלץ.

% דער פראָסט ברענט - מע דאַרף די קינדער גוט באַפּעלצן.

די פּויערים באַפּעלצן זיך צום אַרויספאָרן אין וואַלד אַריין צו שניידן די ביימער.

1930 "באַפּעלצטע עסקימאָסן האָבן זיך געטראָגן אויף שליטלעך". אַפּא, XI, ווילנע, ז' 193.

1956 "די וואָס באַפּעלצן זיך אַזוי אומגעלומפּערט". מ. מאַן, ביי די טויערן פון מאָסקווע, נ"י, ז' 245.

2. (פיג) איינדעקן (זיך) ווי מיט אַ פּעלץ.

1930 "היינט אָבער זיינען די שויבן באַפּעלצט און אויפן קוימען ליגט די קאַלטקייט און אויסגעלאָשנקייט". ווייס, "איבערגאַנג" II, וואַרשע, ז' 67.

עקלאָרנאַגלי, עסרין II, דוגם

באַפּערלט - פּאַדי/פּאַדוו. 1. מיט פּערל, אַנגעטאָן אין פּערל. % דער באַפּערלטער האַלדזבאַנד. זי איז געקומען אויפן באַל אין אויסגעפּוצטע און באַפּערלטע.

2. (פיג) דאַדעקט מיט עפּעס וואָס איז אַזוי ווי פּערל. % מיט שטערן באַפּערלטער הימל.

1922 "באַפּערלטע מיט טרערן פון קדושהדיקן גלות-צער". בראַד, באַגייסטערונג, לאָדז? וואַרשע?. ז' 46

באַפּערלען - טרוו. (פיג) באַדעקן מיט עפּעס וואָס זעט אויס ווי פּערל.

[1972?] "די הענט האָבן ביי איר געציטערט און שווייס האָט באַפּערלט דעם שטערן". ח. ראָזענפאַרב, דער בוים פון לעבן III, ת"א, ז' 378.

ב א פ ר א ש ע ן - טרוו. פפ: באפרושען.

באשיטן עפעס מיט א דינעם שיכט (שטויב, שניי, אש).

1963 " באפראשעט ער זיי שטיל מיט זיינע אשן".

מ. מ. שאפיר, איך קום אהיים, מאנטרעאל, ז' 19.

1973 " דער דינער שניי האט שארכנלאז באפרושעט

דעם דאשיק" ח. ראזענפארב, בוים פון לעבן III,

ת"א, ז' 327.

ב א פ ר י ש ט ש ע ט - אדי. באדעקט מיט פרישטשעס,

געשווירלעך, אויסשיטן אויף דער הויט. % דאס

באפרישטשעטע פנים. פון נישט דערעסן זיינען ביי אים

די הענט און פיס באפרישטשעט.